דאָס נבואהשע וואָרט, וואָס מיר האָבן; און איר
וועט טון גוט, האַלטנדיק זיך דערצו, ווי צו אַ ליכט,
וואָס שיינט אויף אַ טונקל אָרט, ביז עס וועט נישט
איינברעכן דער טאָג און דער מאָרגנשטערן וועט
20 אויפגיין אין אייערע הערצער; ווייסנדיק דאָס דאָזיקע
קודם כל, אַז קיין נבואה פון די כתבי (הקודש)
21 קען נישט האָבן קיין פּריוואַטן פּירוש. וואָרום
קיינמאָל איז נאָך נישט געבּרענגט געוואָרן קיין
נבואה פון אַ מענטשנס ווילן; נאָר געטריבּן פון
רוח הקודש, האָבּן מענטשן גערעדט פון גאָט.
(שמואל ב כג, ג.)

## קאַפּיטל צוויי

1 עס זענען אָבּער אויך געווען פאַלשע נביאים צווישן
דעם פאָלק, ווי עס וועלן אויך זיין צווישן אייך
פאַלשע מלמדים, וועלכע וועלן בשתיקה אַריינפירן
פאַרדאַרבלעכע כתות, און פאַרלייקענען דעם
האַר, וואָס האָט זיי אָפּגעקויפט, און ברענגען
2 אויף זיך אַ גיכע פאַרדאַרבּונג. און אַ סך
וועלן נאָכפאָלגן זייערע אויסגעלאַסנקייטן, דורך
וועלכע דער וועג פון אמת וועט ווערן געלעסטערט.
3 און אויס געלטגיריקייט וועלן זיי אייך פאַרקויפן
מיט באַטריגערישע רייד; דאָס משפּט אויף זיי פון
לאַנג אָן זוימט זיך נישט און די פאַרדאַרבּונג זייערע
4 דרימלט נישט. וואָרום אויב גאָט האָט נישט געשוינט
די מלאכים, וועלכע האָבּן געזינדיקט, נאָר האָט זיי
איבּערגעגעבּן אין היילן פון חשכה אין דער אונ־
5 טערוועלט, אָפּגעהיטן צו ווערן צום משפט; און ווען
ער האָט נישט פאַרשוינט די אַלטע וועלט, נאָר
האָט באַהיט נוחן, אַ מבשר פון גערעכטיקייט,
מיט זיבּן אַנדערע, בשעת ער האָט אַראָפּגעשיקט